STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02442

DER VAYTER KUK FUN ALTEN ROV

Yehoshua Mezah

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער ווייטער קוק פון אלטען רב

א היסטארישע וואונדערליכע ערצעהלונג

וואס עס האט אין ווילנא געטראפען.

פארשריבען לזכרון פון

יהושע הלוי מנח.

ווילנא,
בדפוס ראזענקראנץ ושריפטזעטצער.

PRINTET IN POLAND

Drukarnia „Rozenkranc i Szrifthzecer"

1923.

א.

אין דער שטאָדט שקלאָוו האָבען געוואָהנט צוויי ברידער, איינער האט געהייסען אהרן, ער איז געוועזען אַ מלמד, ער האט געקנעלט ווי די מאָדע איז אין יענע צייטען געוועזען, און אַזוי ווי ער איז געוועזען זעהער אַקלוגער, האט ער בעקומען אַלע רייכע שקלאָווער קינדער, זיין ברודער משה איז געוועזען דער רייכסטער אין שקלאָוו, ער האט געהאַט אַזאָהן זיין נאָמען איז געוועזען שמואל, זעהער אַגעראָטענער קינד, הויך געוואַכסען, אַשאָנעם פנים, אַזאָלדאַטענער, קלוג און געראָטען אין פיל זאַכען, ער האט געהאַט אַגוטין זכרון, קוים האט ער אַזאַך געזעהען אָדער געהערט איין מאָל, האט ער דאס געדיינקט זיין גאַנצען לעבען, יעדער מענש וואס האט נור איין מאָהל געזעהען און גערעדט מיט שמואל'ן האָט ער איהם באַר ליב בעקומען ווי אַנאייגען קינד.

משה האט שטאָלצירט מיט זיין רייכקייט און דאָס הויפט מיט זיין זאָהן, ער האט פאַר איהם אַראָפגעבראַכט אַלעהרער פון אויסלאַנד ער זאָל מיט איהם לערנען פילע שפראַכען און וויסענשאַפט.

דער לעהרער „לעהרערזאָהן" איז געוועזען אַיוד נור אין זיין פאַספאָרט... אויסער דעם איז ער געוועזען ווייט פון רעליגיאָן, ער האט ליב געהאַט אַלע מענשען אָהנע אונטערשייד.

דער איינענער מענש זעהט ניט דעם איינענעם פעהלער ווי דער צווייטער זעהט, אהרן דער מלמד האט ליב געהאַט זיין ברודער און זיין פלעמעניק שמואל'ן, ער פלעגט זיי אָפט בעזוכען, נור פון דער צייט וואס דער נייער לעהרער איז געקומען, האט אהרן גע-

זעהען

זעהען אַניבערקעהרעניס אין שטוב... ער האט אויפֿגעהערט אהין צו קומען, נישט מעהר איין מאָהל אין יאָהר האט ער זיין ברודער בעזוכט, דאס איז געוועהן שמחת תורה אַז ער האט זיך צוערשט בערוישט זיין קאָפּף פֿון אַביסעל בראַנפֿען... אהרן פֿלעגט אין יענע שעה אויסרײַדען זיין ביטער הארץ וואס אַשטומער וואָלט דאָס ניט אויסריידען אין דריי יאָהר, שמואלקען פֿלעגט ער אויסקושען אַלע גלידער און אַוועקגעהען.

אַז שמואל איז געוואָרען דרייצעהן יאָהר איז אהרן געקומען צום ברודער איהם בעטען דאס ער זאָל קויפֿען פֿאר שמואל'ן תפילין, זאָל ער וויסען אַז ער איז אַ איד, אָבער משה האט זיך פֿון איהם אויסגעלאַכט.

מיט דריי חדשים שפעטער האט ביי משה'ן אין שטוב גע־טראָפֿען אַנאומגליק, זיין הויז האט פלאָטצליך אָבגעברענט מיט אַלע זיינע חפצים, גאָלד, זילבער, קליידער, שמואל איז אַרויסגע־שפרונגען אַנאַקעטער דורך אַ פֿענסטער און ער איז געלאָפֿען צו זיין אָנקעל אהרן דעם מלמד, משה מיט זיין פֿרוי זענען פֿערברענט געוואָרען ניט אויף טויט, זיי האָבען זיך געמוצעט עטלעכע טאָג און דורך גרויסע יסורים זענען זיי געשטאָרבען.

דער לעהרער „לעהרערזאָהן" האט בעקומען אַשטעלע אין פּטרבורג אין אַרייכע הויז, פֿאר זיין אָפּרייזען פֿון שקלאָוו איז ער געגאַנגען צו אהרן דעם מלמד נעהמען אָבשייד פֿון שמואל'ן זיין געליבטען תלמיד, ער האט זיך מיט איהם געקושט און פֿאַר־שפראָכען דאס צו יעדער צייט ווען ער וועט קומען אין פּטרבורג וועט ער זיין ביי איהם אַגוטער גאַסט:

ב.

שמואל איז געווען ערצויגען ביי רייכע עלטערין, אַלס בן יחיד, געוויס האט איהם ניט געפעהלט קיין זאַך, יעצט דאַרף ער זיך וואַלגערין ביי אַנאָרעמען פעטער אַמלמד, די דירה איז אַקליינע, די שפייז וואס זיי עסען איז זייער אָרעם, געמיין, ער איז ניט געוואָהנט אַזוי צו לעבען, אמת דער אָנקעל אהרן האט איהם זיין לעצטע קיסעלע אָבגעגעבען צו שלאָפען און דעם ביסען פון מויל צו עסען נור שמואל זאָל זיין צופרידען, אָבער שמואל האט זיך ניט געקאָנט צוגעוואָהנען צו אַזאַ אָרעמען לעבען.

אין שקלאָוו האט דענסטמאָהל געוואָהנט אַרייכער גראַף ער האט געהאַט אַטאָכטער זי איז אַלט געווען אַיאָהר זעכצעהן, דער גראַף האט געהאָרט דעם נאָמען „שמואל" דאס ער איז געבילדעט, קלוג און שאָן, האט ער געשיקט אַשליח נאָך איהם, שמואל איז באַלד אַוועקגעגאַנגען צום גראַף, דער גראַף האט מיט איהם אַהיפשע צייט גערעדט איז ער איהם געפאָלען געווען.

אַמאָל האט דער גראַף צו איהם געזאָגט — שמואל! ווילסט דו גליקליך זיין? — האט דער גראַף געפראָגט ערנסט.

— וועלכער מענש וויל דאָס ניט? — האט שמואל געענטפערט — געוויס וואָלט איך וועלען גליקליך זיין.

— אויב דו וועסט מיר פאָלגען — האט דער גראַף געזאָגט — וועל איך דיר גליקליך מאַכען, דו וועסט בלייבען ביי מיר אַלס לעהרער ביי מיין טאָכטער, און איך וועל דיר גליקליך מאַכען אויף עוויג, אַט מאָרגען וועל איך רופען צו מיר דעם פאָפ ער וועט דיר טויפען, איך האב אַ ברודער אין פעטערבורג, ער איז דאָרטען אַ מיניסטער דעם אינערען, ער איז אַנאַלטער מאַן אָן קינדער, אַז איך וועל איהם בעטען וועט ער דיר צונעהמען פאַר אַנאייגען קינד, וועסט דו בלייבען רייך.

שמואל

שמואל האט איינגעווילינט אויף דעם און דער גראף האט געשיקט נאך דעם גייסטליכען ער האט געלאדען צו זיך פיל פריצים וועלכע האבען געוואהנט ארום שקלאוו, זעהער פיל נעסט זענען צוזאמענגעקומען צו דעם גראף נעהמען אנטהייל אין דער גרויסער מצוה מאכען פון אנארעמען אונגליקליכען יודען אריכען גליקליכין מענשען אויף עוויג.

אין גאנץ שקלאוו האט געקאכט ווי אין אקעסעל, יעדערער האט גערעדט, געפלוכט שמואלם מאמעס בויך וואס זי האט געבארען אזא שלעכטען קינד, וואס פארלאזט זיין רעליגיאן, זיין פאלק און זיין פאמיליע.

אהרן דער מלמד האט פון זיין דירה ניט געקאנט ארויסגעהן אויף דער גאס, אלע האבען איהם געפלוכט און געשימפפט, דער שמש פון בית המדרש, וואו אהרן פלעגט דאווענען האט איהם גע־בעטען אין נאמען פון די גבאים און אלע בעלי בתים וואס דאווענען דארטען, דאס ער זאל מעהר אין בית המדרש ניט קומען, די בעלי בתים האבען אבגענומען ביי איהם זייערע קינדער, קורץ אהרן האט מעהר ניט געקאנט בלייבען אין שקלאוו, ער איז מיט זיין פאמיליע אוועקגעפאהרען אין מאהילעוו, דארטען האט ער בעקומען עטליכע בעלי בתים'שע קינדער און איז געבליבען אין מאהילעוו וואהנען.

ג.

דער גראף האט אוועקגעפיהרט שמואל'ן אין פטרבורג, ער האט איהם געבראכט צו זיין ברודער מיניסטער דעם אינעריך, דער מיניסטער האט איהם פריינדליך עמפאנגען ער האט איהם פאר־שריבען

שריבען פאר זיינעם אנאייגען זאהן, און ער האט איהם געלאזט בילדען ווי ווייט מעגליך איז.

שמואל האט געהאט גוטע פעהיגקייטען, דערצו איז ער געווען אגרויסער מתמיד אין לערנען, ער האט זיך ערוויטערט פון אלע נארעשע פערגניגען, ער האט זיין צייט פארבראכט נור אין לערנען און האט יעדען טאג געמאכט גרויסע פארשריטע.

צעהן יאהר האט ער געלערענט בהתמדה, דער מיניסטער האט איהם חתונה געמאכט מיט זיין ברודערס טאכטער, און אלס „דרשה געשאנק” האט ער איהם געשאנקען אגרויסע רייכע אימעניע נית ווייט פון ווילנא.

נאך זיין האכצייט האט שמואל איינגעטרעטען אין מיניסטעריום אלס ציגאווניק.

דורך זיינע גרויסע פעהיגקייטען, און אביסעל דורך די הילף פון דעם מיניסטער זיין ווייבס אנקעל, איז ער געווארען מיט דער צייט טאווארישץ מיניסטער, דאס איז אזוי גוט ווי אקאנדידאט צו ווערען מיניסטער אין פאל ווען יענער מיניסטער ענטזאגט זיך.. בלייבט ער אויף זיין שטעלע מיניסטער.

שמואל האט דערלעבט די גוטע צייט דאס זיין אנקעל איז געווארען אזוי שוואך אז ער האט מעהר נית געקאנט ארבייטען, און שמואל האט דעם מיניסטערס פארטפעל צוגענומען פון זיין אנקעל, דער אנקעל איז איהם באהילפיג געווען צו טהאן אלס ווי אפעהיגער מיניסטער דארף טהון.

דורך די גרויסע התמדה און פיל ארבייט וואס שמואל האט געהאט איז ער געווארען אביסעלע שוואכליך אין געזונד, ער האט געפיהלט דאס ער מוז האבען רוהע, פלעגט ער זומער צייט פאהרען אין זיין אימעניע ארום ווילנא כדי זיך אבצורוהען.

שמואל האט געוואוסט ווען אין ווילנא וועלען די איינוואהנער ערפאהרען דאס ער איז דא אין שטאדט וועלען זיי איהם קיין

רוהע

רוהע געבען, דארום פלעגט ער קומען אין שטאדט פארקליידעט קיינער זאל איהם ניט ערקענען ווער ער איז.

שמואל האט ליב געהאט זיך צו פארקליידען אין איינפאכע קליידער און ארום געהען אין ווילנא זעהען די יודען ווי זיי לעבען און אלע זייערע מנהגים.

אמאל איז שמואל געגאנגען אין די יודישע גאס, ער האט געהערט אגעשריי פון קליינע קינדער, איז ער געגאנגען נאכין געשריי, ער איז אריינגעקומען אין אהויז און ער האט געזעהען אמלמד לערנט מיט זיינע תלמידים, שמואל האט זיך ערראינערט אן זיין אלטען אנקעל אהרן דעם מלמד.

ער האט דעם מלמד געשאנקען צעהן רובל און איז אוועקגעגאנגען, דער מלמד איז געווארען אזוי איבעראשט פון די צעהן רובל או ער האט פון גרויס שרעק פארגעסען איהם צו דאנקען...

ד.

— אגרויסע עולה פון מיר — האט שמואל געזאגט צו זיך אליין — שוין מעהר ווי צוואנציג יאהר האב איך מיין אנקעל אהרן דעם מלמד ניט געזעהען, איך בין דאך איהם אגרויסער בעל הוב, איך ערראינערע מיך ווי פריינדליך דער מענש איז געוועזן צו מיר, ניט ווייניגער ווי מיינע עלטערן, איך ערראינערע מיך ווי נאך דער שריפה בין איך געקומען צו איהם אנאקעטער אבארפוסער, ער האט מיר באלד געגעבען אנטהאן זיין שבת'דיגען בגד און ער האט מיך געטרייסט און געקושט, — דו ווייסט אסתר'ל — האט ער געזאגט צו זיין פרוי — מיר האבען אגעפונענעם פלימעניק און פון היינט אן און ווייטער וועט ער זיין ביי אונז גערעכענט ווי איין אייגען קינד.

דער

דער אנקעל האט מקיים געווען זיין ווארט, נאך בעסער ווי אן אייגען קינד האט ער מיר געדעבנט, ער האט מיר געגעבען אלס וואס ער האט געהאט . . . און איך? ווי האב איך איהם בעהאנדעלט? מיט וואס האב איך איהם אבגעצאהלט פאר זיין גוט הארץ? איך קאן מיר פארשטעלען די גרויסע שמערצען וואס ער האט געהאט פון מיין אנטלויפען ווייט פון איהם... ווי פיל טרעהרען דער מענש מיט זיין פרוי האבען פארגאסען הארענדיג פון דעם אונערווארטעטען נייעס דאס איך האב מיך געטויפט, איך שרעק מיך, פיליייכט האט ער ניט אריבערגעטראגען די צרות, אמת דער טויפען האט מיך געפיהרט צום גליק, אבער ניט ביי אלע מענשען איז אגלייבער גליק, ביי איינעם איז גאר אגרויסער גליק ווען ער קאן יעדען טאג לערנען אבלאט גמרא, זיין פערגניגען איז נאך פיל גראסער ווי ביי יענעם וואס פארברענגט גאנצע נאכט אין הבל הבלים! — (פאזע) ווי קאן איך וויסען וואס ער מאכט, אויב ער לעבט, דענסטמאל איז ער אלט געווען ערך פינף און דרייסיג יאהר, איז ער היינט ערך פינף און פופציג יאהר, ער איז שוין געוויס גראה און אלט, ווער ווייס אויב איך וואלט איהם ערקאנען... (פאזע), ער מיר וועט געוויס ניט ערקאנען... און אפשר וועט ער גאר ניט ווילען מיר ערקאנען... (פאזע) איך מוז געפינען אפלאן אנ׳אויסרייד צו פאהרען אין שקלאוו, איהם אויפזוכען, (פאזע), דעם אויסרייד צו געפינען איז אקלייניגקייט, איך בין דאך מיניסטער, איך דארף פאר קיינעם קיין דין וחשבון ניט אבגעבען נור פאר דעם קייזער יר״ה, ווייס איך גאנץ געוויס אז דער גוטהערציגער קייזער וועט ביי מיר ניט פראגען אזא פראגע, ווייל וואס קאן איהם אינטערעסירען צו איך שפאציר ארום אין ווילנא, אדער איך וועל איינינגע טאג שפאצירען אין שקלאוו, (פאזע), ווער ווייס אויב ער לעבט, ביי א יודען א מלמד ווי לאנג ער האט כח צו שרייען מיט די תלמידים האט ער אשטיקיל ברויט,

אבער

אבער ווי לאנג ? וויפיל יאהר קאן זיך אמענש רייסען די גאלל ? ער מוז דאך קראנק ווערען, (פאזע) אויב ער איז געשטארבען לעבט זיין פרוי די מומע אסתר'ל, איך געדיינק אז דער אנקעל פלעגט מיר געבען פריהשטיק צוויי בייגעל, פלעגט זי מיר אונ-טערוקען אדריטען בייגעל פון איהר חלק — נישט קשה — פלעגט זי זאגען — פאר מיר איז גוט אשטיקעל שווארצע ברויט.. (פאזע) אויב ער איז געשטארבען, איז אויף איהר אגרויסער, אגאנץ גרויסער רחמנות, אין אידישע שטאדט לאזט מען אפילו ניט שטארבען פון הונגער, כלומרשט מען שטיצט, אבער די שטיצע איז נור אז יענער זאל כח האבען צו הונגערן (פאזע) אגרויסער יושר וואלט געווען דאס איך זאל פאהרען אין שקלאוו, אבער ווי טאר איך דאס טהאן ? אז איך בין ניט געזונד, אביסיל שוואך, אזא נסיעה קאן מיר קאסטען פיל געזונד : . . און די געזונד איז זעהער טהייער.

מיט אזעלכע געדאנקען פלעגט ער שטענדיג ארום געהען אין ווילנער גאסען, קיינער האט איהם ניט געקאנט, ניט גע-וואוסט. אז ער האט געטראפען אנארעמאן פלעגט ער אים געבען א רובל, אנאנדער ארעמאן אביסעל וועניגער, די ארעמע לייט פלעגען איהם זעהען פון וויטען זיינען זיי געלאפען איהם ענט-גענען, און קיינער האט ניט געוואוסט ווער ער איז און וואס ער טהוט אין ווילנא. נור לאמיר איהם לאזען פאנטאזירענדיג אין ווילנא און לאמיר זיך אביסעל לאזען פון וויטען הארען וואס טוט זיך אין סלאוויטא, און אין לאדי ביי דעם רבי שניאור זלמן זיעוכ"י.

ה.

אין סלאַוויטע האט געוואָהנט אַגרויסער חסיד אַצדיק תמים זיין פאַמיליענאָמען איז געווען שפירא, ער האט געוואָלט אָפענען אַדרוק אין סלאַוויטע צו דרוקען יודישע היילינע ספרים ווי ש"ס, מדרשים און נאך אַזעלכע, ער האט זיך בעשלאָסען פאָהרען צום רב אין לאַדי, פרעגען אַנ'עצה ווי ער זאָל אַזאַ גרויסע זאַך אויספיהרען.

ער איז געקומען אין לאַדי צום רב און ער האט איהם ער־צעהלט פון זיין נייעם פלאַן צו אָפענען אַידישען דרוק אין סלאַ־וויטע. דער רב האט אויסגעהערט זיין פלאַן און האט צו איהם געזאָגט: דיין אונטערנעהמונג געפאָלט מיך, טהוא ווי דו זאָגסט און גאָט וועט דיר געוויס באַגליקען אין דעם טהייערין עסק, דער זכות פון די היילינע ספרים וואָס דו וועסט דרוקען און פרומע לייט וועלען לערנען—אין זיי, דער גרויסער זכות וועט דיר בייַשטעהן אַז דער עסק וועט גוט זיין.

— ווען איך וואָלט געהאַט די ערלויבנים פון דעם מיניסטער דעם אינערן צו אָפענען אַדרוק – האט שאַפירא געענטפערט — וואָלט איך באַלד געאָפענט דעם דרוק, ווייל אַלע כלים און אַלס וואָס מען דאַרף האָבען צו אַדרוק — האָב איך שוין, מיר פעהלט נישט מעהר ווי דער רשיון פון מיניסטער, נור איך זאָל דאַרפען פאָהרען אין פעטערבורג, און איך זאָל דאָרטען מוזען זיצען און וואַרטען

ווארטען ביז דער מינסטער וועט מיר געבען די ערלויבניש, קאן איך דאס ניט טהאן, ערשטען דארף צו פיל צייט געדויערין און צווייטענס, עס דארף קאסטען פיל געלד, מעהר ווי דער גאנצער דרוק קאסט און איך האב ניט אזא גרויסען פארמעגען.

— וועגען די ערלויבניס פון מיניסטער — האט דער רב געענטפערט — האסט דו ניט וואס צו דאגה'ן, דו וועסט דעם רשיון בעקומען אהן גרויס טרחה, דו וועסט גאר ניט ברויכען פאהרען אין פעטערבורג, און דעם רשיון וועסט דו אין איינינע טאג צייט בעקומען, איך וועל דיר אנ'עצה געבען וואס דו זאלסט טהאן, עס קאן זיין דאס די „אמונת חכמים" איז ביי דיר אין הארצין נאך אביסעלע שוואכלעך, דארום קאן זיין אז ביי דיר וועט פאר־קומען די עצה זעהער פרעמד, נאר למעלה מהטבע און למעלה מהשכל, אבער איך בעט דיר אז דו זאלסט מיין עצה פאלגען און טהאן אזוי ווי איך הייס דיר, וועט דער רבונו של עולם געוויס העלפען אז די עצה זאל גוט זיין, מיין עצה איז אזוי, האר איין מיט קאפף דו זאלסט באלד דינגען פאסט פערד און פאהרען אין מאהילאוו, דארטען וועסט דו זוכען און געפינען אמלמד זיין נאמען איז אהרן, ער וואהנט אין מאהילאוו שוין אערך פון צוואנציג יאהר, ער איז אפילו גאר קיין חסיד ניט, נור דאס שאדעט ניט, ער וועט שוין ווערען אחסיד, און א הייסער ווארעמער זודיגער חסיד, נור דאס איז אשפעטערדיגע מעשה, דו זאלסט נעהמען דעם מלמד און פאהרען מיט איהם אין ווילנא, דורך איהם וועסט דו בעקומען דעם רשיון צו אפענען איודישע דרוק, דער מיניסטער וועט איהם ארויסגעבען דעם רשיון פאר דיר.

רבי

— רבי ! — האט שאַפּירא געפֿרעגט — איהר זאָגט דאָך אַז דער מלמד איז קיין חסיד ניט , פֿילייכט גלויבט ער ניט אין אייער עצה, און ער וועט ניט וועלען פֿאָהרען מיט מיר אין ווילנא ?

— דו פֿרעגסט אַנאַרעשע קשיא — האט דער רב געענט־פֿערט — ער מעג ניט גלויבען, דו וועסט איהם באַצאָהלען פֿאר זיין טרחה וועט ער פֿאר געלד מיט דיר פֿאָהרען אין ווילנא.

שאַפּירא האט גענומען אָבשייד פֿון רב מיט גרויס בטחון און אמונה אין דעם רב׳ס רייד איז ער געפֿאָהרען נאָך דער גובערניע מאָהילעוו, און הגם די זאַך — דעם רב׳ס עצה — איז אין פלוק געווען למעלה מהטבע, דאך האט דער סלאַוויטער געגלויבט אז דורך דעם מלמד אהרן וועט ער בעקומען אַרשיון פֿון מיניסטער צו אָפּענען אַיודישע דרוק אין סלאַוויטע. אין דעמזעלבען טאָג האט ער געדונגען פאָסט־פֿערד און איז געפֿאָהרען אין מאָהילעוו אַזוי ווי דער רב האט איהם געראַטהען.

דער סלאָוויטער שפירא האט גערהאט אין מאָהילעוו פיעל קרובים און גוטע פריינד, זיי זענען געווען גרויסע חסידים, זיי האבען געגלויבט אין רב אז וואס ער זאָגט איז קודש קדשים, זיי האבען דעם סלאָוויטער אלאנגע צייט ניט געזעהען, דארום האבען זיי זיך מיט איהם שטארק געפרעהט, זיי האָבען איהם געפראָגט: וועלכער געשעפט האט איהם געבראכט אין מאָהילעוו?

שפירא האט זיי ערצעהלט די גאנצע מעשה צו ליב וואס ער איז געקומען אין מאָהילעוו, יענע האבען זיך שטארק געוואונדערט צו הערין דעם רב'ס עצה, זיי האבען ניט פארשטאנען דאס ערשטע איז אין ווילנא קיין מינגסטער ניטא. צווייטענס: וואס פאר אמחותן איז אמאהלעווער מלמד מיט אמינגסטער, און דריטענס: זיי איז אזא מלמד אונבעקאנט אונבעוואוסט, נור אזוי ווי זיי האבען געגלויבט אין דעם רב'ס רייד, האבען זיי חוקר ודורש געווען, געזוכט דעם גאנצען טאג ביז זיי האבען געפונען א מלמד אהרן פון די אלטע מלמדים וואס אויסער יודיש קאָן ער קיין אנדער שפראך ניט ריידען.

דער סלאָוויטער שפירא איז געווען אפארנעהמער מאן, אקלוגער און אגרויסער למדן, מיט וועמען ער האט גערעדט, האט איהם יענער כבוד געגעבען, דער שפירא מיט נאך צוויי חסידים גבירים פון שטאדט זענען אוועקגעגאנגען צו אהרן דעם מלמד.

אין אנהייב ווי אהרן האט זיי דערזעהען האט ער זיך דערשראָקען, וויל אזעלכע פארנעהמע געסט האט ער אין זיין חדר

קיין מאָהל ניט געהאט, ער האט פאַרשטאַנען אז זיי האבען מיט איהם צו ריידען אַסוד, האט ער זיי געגעבען שלום ווי דער מנהג איז, און ער האט צו זיינע תלמידים געזאגט: קינדער! יעצט זייט איהר ביז מאָרגען פריי, איהר קאָנט געהען אַהיים.

אז די תלמידים זיינען אַוועקגעגאַנגען האט אהרן זיי גע־בעטען זיצען, יענע האבען זיך געזעצט, אהרן האט צו זיי גע־זאגט: בואכם לשלום, אייער קומען צו מיר זאל זיין צום גוטען, זאגט מיר אייער פערלאַנג, אויב איך וועל נור קאָנען ממלא זיין אייער בקשה וועל איך דאס טהאן מיט גרויס פערגעניגענד.

— איהר האט אַבעקאַנטען אין פטרבורג? — האט שפירא געפרעגט — אדער אין ווילנא.

— איך בין דאָרטען קיין מאהל ניט געווען — האט אהרן געענטפערט — קאָן איך דאָרטען קיינעם ניט.

— פיליייכט זענט איהר בעקאַנט מיט דעם מיניסטער דעם אינערין? — האט שפירא געפרעגט — אֶפשר האט איהר איהם אַמאָהל געזעהען אָדער גערעדט מיט איהם? זאָגט מיר איך ברויך דאָס זעהער נאָטהיג צו וויסען.

אהרן האט איהם אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרוואונדערונג און האט געקוועצט מיט די פלייצעס פאר אסימן של לאו.

— עראינערט זיך — האט שפירא געזאָגט — אֶפשר קאָנט איהר דעם מיניסטער, אֶפשר קאָן ער אייך? אֶפשר האט ער פון אייך אַמאָהל געהאַט אַטובה] גרויסערהייט אָדער קלײנערהייט?

— שוין מעהר ווי צוואַנציג יאָהר וואָהן איך און קנעל דאָ אין מאָהלאָוו — האט אהרן געענטפערט — איך האב מיט קיינעם

ניט געהאַט קיין משפט, איך זאָל ברויבען אָנקומען צום מיניסטער. איך וועל אייך דעם אמת זאָגען אז אפילו אין חלום האָב איך אים אויך קיין מאָהל ניט געזעהען.

— האָרט אוים ר' אהרן — האט שפירא געזאָגט — איך מוז אייך דעם אמת ערצעהלען: איך בין פון סלאָוויטע, איך וויל דאָרטען אָפּענען אַ יודישען דרוק, בין איך געפאָהרען צום רב אין לאַדי פראָגען אַנ'עצה מכח אַ רשיון וואס דאס מוז מען האָבען פון מיניסטער, האט מיר דער רב געהייסען פאָהרען צו אייך אין מאָהלאָוו און מיט אייך צוזאַממען זאָל איך פאָהרען אין ווילנאָ, און דורך אייך וועל איך בעקומען פון דעם מיניסטער דעם רשיון.

— איהר האט פון קיין אַנדערין ניט צו לאַבען — האט אהרן געענטפערט — נור פון מיר? אייער'ע רייד איז כולה מוקשה, דאס ערשטע פון וואַנען קאָן מיר אייער רב? איך בין ביי איהם קיין מאָהל ניט געוועזען, דאס צווייטע אין ווילנא איז קיין מיניסטער ניט פאַראַן. דאָס דריטע: ווי אַזוי קאָן איך בעקומען אַרשיון אויף אַדרוק פון אַ מיניסטער אַז קיין אַנדער שפראַך ווי „יודיש" פאַרשטעה איך ניט, ווי אַזוי וועל איך קאָנען ריידען מיט אַ מיניסטער און איהם בעטען אַזאַ זאַך?

— מיר אַליין וואונדערין זיך אויך אויף דעם — האבען די צוויי פאָרנעהמע חסידים געענטפערט — די קשיות אָבער זענען נור פאר דעם וואס וויל ניט גלויבען אין רב אז זיינע רייד מוז מקוים ווערען, דערפאַר ווילען מיר טאַקע זעהען דעם סוף מעשה וואס דערפון קאָן ווערען און דאַרום בעטען מיר אייך ר' אהרן,

איהר

איהר זאָלט מיט דעם סלאַוויטער פאָהרען אין ווילנא, ענטזאַגט אונז ניט, מיר ווילען זעהען דעם כח פון רב, ער האט געזאָגט אזוי זאָל מען טהאָן, דאַרפען מיר פאָלגען, און די קשיות אונזערע וועט מסתמא נאָכדעם פאַרענטפערט ווערען, אַי ווי אַזוי? דאס וועלען מיר שוין נאָכדעם זעהען.

— שטעלט אַייך פאָר — האט שפירא געזאגט — אז דורך אַייך וועל איך בעקומען דעם רשיון פון מיניסטער, וועט איהר ר׳ אהרן נאכדעם ווערען דעם רב׳ם אחסיד?

— וואס האבען מיר צו ריידען פון אזא זאך וואס על פי שכל און על פי טבע קאָן דאס ניט זיין — האט אהרן געענטפערט, מיר זענען גאָר ניט אזוי גוט און פרום אז דער רבונו של עולם זאָל צוליב אונז משנה זיין די נאַטור.

— אמת — האט שפירא געענטפערט — מיר זענען טאקע ניט אזוי גוט און פרום, צוליב אונז וועט דער בורא יתברך שמו ניט משנה זיין די טבע, אָבער דער רב אין לאַדי איז גוט און פרום און צוליב זיין זכות איז נאָט יאַ משנה די טבע, אונז דוכט זיך אז דאס קאָן ניט זיין, צום סוף האבען מיר געזעהען אז דעם רב׳ם רייד איז מקוים געוואָרען, דער רב האט גראָסערע מופתים ווי די מעשה געוויזען, וואס ווייסען מיר קליינע קאָפּלעך. דער רב האט בכח אריינצוגעבען א גוטען געדאנקען אין מיניסטערס הארצען דאס ער זאָל פאָהרען אין ווילנא און ער זאָל האָבען אטעות, מיינענ אז ער קאָן אַייך, און ניט ריידענדיג זאָל ער אַייך געבען א רשיון צו עֶפענען אין סלאוויטע א יודישען דרוק, וואס זאָל איך מיט אַייך יעצט ריידען און דערצעהלען אַייך ווי גרויס

און

און ווי הייליג דער רב איז, יאָהרען לאנג טאָג און נאכט אז איך זאָל אייך ערצעהלען ווי גרויס דער רב איז וועל איך בלייבען ניט געענדיגט, ווייל ער איז אזוי הייליג וואס מיר מיטשען קאָנען איהם ניט משיג זיין מיט אונזער קליינעם שכל. און אבעווייז, ר' אהרן, וועט איהר זעהען פון די מעשה, וואס אונז דוכט זיך עס קאָן ניט זיין, וועט יאָ זיין, ווייל דער רב האט אזוי געזאגט, מוז מקוים ווערען, ווען ניט וואָלט ער דאס ניט זאגען . . . אלזאָ ר' אהרן, נעהמט אייער טלית און תפילין און לאָמיר פאָהרען אין ווילנא.

— ווי זאָל איך אין מיטען זמן אוועקפאהרען? — האט אהרן געזאגט — פון וואנען וועט מיין פאמיליע לעבען?

— אָט וויפיל איהר פארדינט דעם גאנצען זמן פון אייער קנעלונג — האט שפירא געענטפערט, בעצאָהל איך אייך באלד נור פאָהרט מיט מיר. ריידענדיג האט ער ארויסגענומען הונדערט רובל גאלד און האט אוועקגלעגט אויף דעם טיש, — נעהמט דאס געלד — האט שפירא געזאגט, ניט דאס אייער ווייב, איהר ברויכט קיין געלד פאר זיך גאר ניט, איך נעהם אייך אויף מיינע הוצאות.

הונדערט רובל אין גאלד — האט אהרן אויף זיין גאנצען לעבען ניט געזעהען, ער איז שטארק נתפעל געווארען פון דאס געלד, ער האט געהאט נאך מעהר התפעלות ווי פון דעם סלאווי־טערם אלע רייד:

— אז איהר קאנט ריזיקירען אזוי פיל געלד — האט אהרן געענטפערט

געענטפערט — וועל איך אויך אביסעל רעזיקירען מיט מיין פאהרען.

די צוויי חסידים האבען געבעטען דעם סלאוויטער אז ער זאל זיי מודיע זיין תיכף ומיד ווי אהרן וועט בעקומען דעם רשיון פון מיניסטער, שפירא האט זיי פארשפראכען אזוי צו טהון.

שפירא האט אין יענעם טאג געדונגען פאסט=פערד און ער מיט דעם מלמד זענען אוועקגעפאהרען אין ווילנא.

ז.

די גאנצע וועג האט שפירא קיין ווארט גערעדט מיט דעם מלמד, ווייל ער האט געזעהען דאס ער גלויבט ניט אין רב׳ם רייד, ער איז געפאהרען נור צו ליב געלד, אבער דערווייל האט שפירא געטראכט — מוז איך שווייגען, דען גאט ווייס וואס דערפון קאן די ענדע ווערען, דערווייל קאסט דאס מיר שוין א היפשער קאפיטאל . . .

אהרן האט אויך קיין ווארט ניט גערעדט. ער האט מורא געהאט צו ריידען, ער האט באדויערט שאפיראס נארעשקייט וואס ער לאזט זיך קאסטען אזוי פיל געלד פאר אפאנטאזיע, וואס איז? דער רב האט געזאגט, וואס איז דער רב? אנביא? אדער . . . ער האט געזאגט, נוא זאגט ער, וואס ארט איהם

אז

אז ער זאגט, עס קאסט איהם עפעס געלד דער זאגען? אראנה ער האט, ער טראַכט די זעלביגע וואס איך טראַכט, יעצט, מאַלע וואס אמענש זאָגט, דארף מען זיך דאריבער מוסר נפש זיין און אויסברענגען אזוי פיל געלד?

מיט די געדאַנקען זענען זיי ביידע געקומען אין ווילנא, און זענען פערפאָהרען אין אַנ'אַכסניא ניט ווייט פון גאָרטען.

אין ווילנא איז דענסטמאָל געווען אגרויסער נגיד און אַחסיד ר' מאיר רפאל'ס, שפירא מיט דעם מלמד זענען אוועקגעגאַנגען צו איהם, ער האט זיי גאנץ פריינדליך אויפגענומען, שפירא האט אים ערצעהלט די גאנצע מעשה פון זיין קומען אין ווילנא מיט דעם מלמד.

— איך וואונדער מיך זעהער — האט ר' מאיר געזאגט — ווייל די זאַך איז זעהער ווייט פון אונזער שכל, דאס קאָנען מיר רופען „למעלה מהטבע", דען איך בין דאָך אַ געבאָרענער ווילנער האב איך נאָך קיין מאָל ניט געהאָרט אז דער מיניסטער דעם אינערין זאל קומען צו אונז אין ווילנא, פון דעסטוועגען גלויב איך אין רב אז ער האט געזאגט וועט דער סוף זיין גוט.

— איך גלויב אויך אזוי — האט שפירא געענטפערט — און טראַכט גאָר אַנדערש ניט חלילה, איך בין מאמין באמונה שלימה אז דער רב האט אזוי געזאגט — מוז אזוי זיין.

אהרן האט געהאָרט זייערע רייד, האט ער זיך אָפגעקעהרט אָן אַזייט און האט געלאַכט שטילערהייט, דען ער האט זיי גערעכענט פאר משוגעים...

אין ווילנא זענען זיי געקומען דינסטאָג ביינאַכט, ביז זונטאָג האבען

האבען זיי קיין נייעס דערפון ניט געזעהען ניט געהערט און קיין מראה מקום האט זיך ניט געוויזען.

ביי דעם מלמד איז געווען „ויחד"... עס האט איהם הנאה געטהאן וואס דער רב האט ניט געטראָפען, זיינע ריזיד זענען ניט מקוים געווארען, און עס האט איהם פארדראָסען פאר וואס דער סלאָוויטער האט איהם געמאכט צום נאַרען, ער איז געזעסען זעהער פארטראכט, ער האט געקלעהרט די אורזאַכע פאר וואס האט דער רב מטריח געווען צוויי מענשען צו פאָהרען אין ווילנא נאר אומזיסט.

ר' מאיר האט באמערקט דאס דער מלמד זיצט אין גרויס עצבות, האט ער איהם געגעבען אפאַטש אויף די שולטערין ווי אגוטער פריינד טהוט און האט צו איהם געזאגט: קומט לאָמיר געהען אביסעלע שפאַצירען, די צייט איז שאָן, די לופט איז וואַרעם, מיר וועלען זיך אביסעל דורכגעהען, טאָמער וועט אהרן זיך אביסעל פראָהליכער מאכען, קומט אין נאס לאמיר זוכען דעם מיניסטער, איך בין מאמין באמונה שלימה אז דער רב האט ריכטיג געזאגט.

דער מלמד האט זיך קוים איינגעהאלטען פון לאכען, פון דעסטוועגען האט ער גענומען זיין שטעקען און זיי אלע דריי זענען אוועקגעגאנגען אויף דעם בולוואַר ביי דעם באָטאַנישען גאָרטען וואו פיל מענשען געהען אַרום שפאַצירען.

ח.

שמואל האט זיך אין יענעם טאג אנגעצויגען נענעראלסקע קליידער און ער איז אויף דעם בולוואר ארומגעגאנגען פֿאנטאזי־רענדיג וועגען זיין אָנקעל: אין שקלאָוו איז ער געווים ניטאָ, ווייל דער יודישער ראבינער האט מיר געענג זערט אז צוליב בזיונות פֿון זיינעם א פלימעניק האט ער געמוזט אנטלויפֿען פֿון שקלאָוו, וואו ער איז געלאפֿען וויים ער ניט, זיינע בזיונות פֿארשטיי איך, נור וואו האט ער געקאנט ארויספֿאהרען, אך ווי גליקליך מיר וואלטען ביידע געווען אז ער וואלט געווען דא אין ווילנא, און איך וואלט איהם טרעפֿען, דוכט זיך איך וואלט איהם ערקאָנען, ער האט אויף זיין פנים גוטע סימנים, איך געדיינק אז ער האט געהאט אלאנגע רויטע בארד, מעגליך דאס יעצט איז זי שוין גראָ, אויף זיין נאָז רעכטער זייט איז געווען אגרויסע בראָדעווקע בע־וואקסען מיט האָאר, און דער פנים געשטופעלט, דאכט זיך איך וואלט איהם ערקאָנען...

טראכטענדיג האבען זיי זיך אלע באגעגענט אויף דעם בולוואר, שמואל האט איהם באלד ערקאָנט, נור אהרן האט איהם ניט ערקאָנט, אהיבשע ווילע זיינען זיי געשטאנען און געקוקט איינער אויף דעם אנדערין.

— קומט איהר פֿון שקלאוו? — האט שמואל געפֿראָגט.

— ניין! — האט אהרן געענטפֿערט — דער הערר האט מסתמא אטעות, איך קום פֿון מאהלאוו.

מיר

— מיר דאכט זיך — האט דער מיניסטער געענטפערט — אז איך האב קיין טעות ניט, ערמאנט איך מיט צוואנציג יאהר צוריק האט איהר געוואהנט אין שקלאוו ?

— אמת — האט אהרן געענטפערט — מיט צוואנציג יאהר צוריק האב איך געוואהנט אין שקלאוו, און יעצט וואהן איך אין מאהלאוו.

— איז אייער נאמען „אהרן״? — האט דער מיניסטער געפרעגט.

— יא, אהרן איז מיין נאמען.

— האט איהר געהאט אברודער אין שקלאוו ?

— יא !

— און ווי האט מען איהם גערופען

— משה.

— און משה האט געהאט קינדער ?

— איין איינציגען זאהן זיין נאמען איז געוועזן שמואל.

דער מיניסטער איז רויט געווארען, דער סלאוויטער האט דאס באמערקט... נור ער האט געשוויגען

דעם גאנצען געשפרעך האט דער מיניסטער גערעדט מיט דעם מלמד דורך אטאלמאץ, ר׳ מאיר האט איבערזעצט. לסוף האט דער מיניסטער געזאגט: הערט אהרן, איך ווייס אז איהר קענט קיין רוסיש ניט ריידען, דערפאר קען איך ריידען יודיש, איך בעט אייך קומט מיט מיר אויף מיין קווארטיר, איהר וועט

קיין

קיין חרטה ניט האבען. רייידענדיג האט ער גענעבען אוואונק צו זיין קוצער, איז ער צוגעלאפען מיט זיין עקיפאז געשפאנט פייער טהייערע פערד, דער מיניסטער מיט דעם מלמד האבען זיך אריינגעזעצט אין עקיפאז און זיי זענען אוועקגעפאהרען.

ר׳ מאיר מיט שפירא זענען געבליבען שטעהען אויף דעם בולוואר, זיי ביידע האבען זיך אנגעקוקט און געקוועצט מיט די פלייצעס, זיי האבען קיינע ווערטער ניט געפונען זיך אויסצודריקען זייער שטארקען און גרויסען בעוואונדערונג.

— וואס זאגסט דו, מאיר, אויף אזא מעשה? — האט שפירא געזאגט — ווי מיר ווייזט אוים איז דאס דער מיניסטער אליין, זיין פנים זעהט אוים גאר איודישער.

— פון זיינע לעצטע ווערטער — האט ר׳ מאיר געענטפערט, פארשטיי איך אז ער איז ניט גאר ווייט פון יודען... מיר מוזען גלויבען אין רב און האפען אז אהרן וועט געוויס ברענגען אבשורה טובה.

— אפשר איז דאס ניט דער מיניסטער? — האט שפירא געזאגט — נור גלאט אזוי אגענעראל?

פלוצלונג איז צו זיי צוגעגאנגען דער פאליציימייסטער און געפרעגט:

— זאגט מיר וואס האט דער מיניסטער מיט אייך גערעדט? און ווער איז יענער יוד וואס ער האט איהם מיטגענומען אין זיין קארעטע?

אפרעמדער

— אַ פרעמדער יוד — זאָגט מאיר דעם פּאָליצמייסטער געענטפערט — ער האָט ביי איהם געפרעגט: ווער ער איז און פון וועלכע שטאָדט ער איז, אָבער מיט אונז האָט ער נאָר ניט גערעדט.

דער פּאָליצמייסטער האָט זיך בעגנוגענד מיט דעם אַנ־טוואָרט און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

— יעצט זעהסט דו און ווייסט אויף קלאָהר — האָט ר' מאיר געזאָגט — אַז דאָס איז דער מיניסטער.

זיי זענען געגאַנגען אַהיים, די גאַנצע וועג האָבען זיי גע־רעדט נור פון רב, ווי גרויס און ווי הייליג ער איז.

ט.

ווי דער מיניסטער מיט דעם מלמד זענען געקומען אין האָטעל, האָט ער געבעטען דעם מלמד ער זאָל זיך זעטצען און דער מיניסטער האָט זיך איבערגעקליידעט.

אהרן איז געזעסען און געציטערט, פון שרעק האָט ער ניט געוואוסט וואס צו טהאָן, זיין היטעל האָט ער געהאַלטען אין האַנד איבערין קאָפּף, עס איז איהם געווען שלעכט אויסצוטהאָן, און אַביסעל ביטערלעך צו טראָגען די היטעל, ווייל עס פּאַסט

ניט

ניט צו זיטצען ביי א גענעראל און צו טראגען די היטעל אויפ'ן קאפף.

דער מיניסטער האט דאס באמערקט, איז ער צוגעגאנגען נאהנט צו איהם, גענומען די היטעל פון זיין האנד, און האט איהם אנגעטהאן אויף זיין קאפף, און געזאגט: איך בין קיין מקפיד ניט אויף אזעלכע זאכען, איך האב די מדה טובה געלערענט פון רוסישען פאלק צו זיין טאלעראנט, יעדער מענש האט דאס רעכט צו האלטען היילינ זיינע רעליגיאן'ס מנהגים.

אהרן האט זיך אביסעלע ברוהיגט:

— יעצט האט איהר אייך שוין עררא'ינערט ווער איך בין? — האט דער מיניסטער געפראגט מיט א פריינדליכע מינע, קוקט זיך גוט איין אין מיר, אפשר וועט איהר דערקענען דעם צייכען אויף מיין קאפף וואס עס איז מיר איבערגעבליבען נאך דער שריפה?

אהרן האט געגעבען אגעשריי זעהר ענציקט: איז דאס שמואל?

— שמואל, שמואל, — האט דער מיניסטער געענטפערט, און זיי האבען זיך ביידע שטארק געקושט און פון גרוים שמחה געוויינט.

— וואס מאכט איהר טהייערער געליבטער אנקעל, וואס מאכט אייער פרוי מיינע טאנטע אסתר'ל, און וואס מאכען אייערע ליבע קינדערלעך?

די

— די ערשטע זאך וואלט איך וועלען וויסען — האט אהרן געזאגט — צו מיר חלום'ט זיך דאס, אדער איך זעה מיין ליבען שמואל'ן אויף'ן וואהר?

— די גאנצע וועלט איז אפילו נישט מעהר ווי אחלום— האט דער מיניסטער געלאכט — נור דאס איז ניט א חלום, איהר זעהט אייער לעבעדיגען שמואל'ן, אייער ברודערס זאהן, איך בין שמואל בן משה, אבער ניט דער שמואל וואס איהר האט מיך אמאהל געקאנט, איהר קאנט מיך אלס גרעסער עלענדער אונגליקליכער יתום . . . היינט בין איך אין רוססלאנד מיניסטער דעם אינערין! אז איך האב פאר־לאזען שקלאוו בין איך געקומען אין פעטערבורג, פיעל זעהער פיעל האב איך אייך, אנקעל, צו ערצעהלען וואס מיט מיר האט זיך פאסירט, נור לאמיר דאס לאזען אויף אנאנדערט מאהל, אז מיר איז זעהער גוט געווארען, האב איך אן אייך ניכט פארגעסען, איך האב א בריעף געשריבען צום רב אין שקלאוו, איהם געבעטען דאס ער זאל מיר שרייבען אייער אדרעסס, האט ער מיר באלד געענטפערט דאס אין שקלאוו זענט איהר ניטא, און וואו איהר זענט ווייס ער ניט, אזוי איז שוין צוואנציג יאהר אוועקגעגאנגען, היינטיגען זוממער בין איך געקוממען אין מיין אימעניע, דא ארום ווילנא זיך אביסעל אבצורוהען פון מיינע שוועהרע ארבייט, אז איך קום אין שטאדט, האב איך א וואהנונג דא אין האטעל, אז איך האב אייך יעצט געטראפען אויף'ן בולוואר האב איך אייך באלד דערקאנט און עס פריידט מיך מיט אנ'אמת

אַנ'אמת וואס איך האב אַייך געפונען , איך פאַרזיכער אַייך דאס וויפיעל מעגליך עס וועט זיין וועל איך אַייך בעהאַנדלען ווי אַ געטרייער קינד זיין פאָטער , יעצט דערצעהלט איהר מיר וואָס טהוט איהר אין ווילנא ? איהר האט דאָך מיר געזאָגט אַז איהר וואָהנט אין מאָהלעוו , קנעלט איהר נאָך ווי געוועזן ?

— יאַ — האט אהרן געענטפערט — איך קנעל ווי איך האב געקנעלט.

— פון היינט אָן און ווייטער — האט דער מיניסטער געזאָגט — וועט איהר שוין ניט ברויכען קנעלען , ווען איהר וואָלט פאַרשטאַנען די רוסישע שפראַך און דעם עסק פון פאָדראַדען , וואָלט איך אַייך מיט גענומען אין פעטערבורג , נור אַזוי ווי איהר זענט פרעמד פון די רוססישע שפראַך , און פון פעטערבורגער אַלגעמיינעם לעבען , וועל איך אַייך געבען טויזענד רובל אַ יאָהר , נאָך מיינער מיינונג דאַרפט איהר קיינע געשעפטען מאַכען , זיצט און לערנט , דאַווענד , צעהן פראָצענט שכר אויף יענער וועלט וועט איהר מיר געבען , איהר ציהט אַריין וואָהנען אין ווילנאָ , דאָ קאָן אַ פּאָאר פאָלק לעבען מיט טויזענד רובל אַ יאָהר גאַנץ פיין און אָנשטענדיג , ווילט איהר אַזוי טהון וויא איך ראַטהע אַייך , גיב איך אַייך אַ וואָהנונג אין מיין אימעניע , איהר וועט דאָרטען האָבען אַ גרויסען גאָרטען מיט פערשיידענע פרוכט , אויך אַפּאָאר קיה , דערווייל גיב איך אַייך טויזענד רענדלאַך אַמתנה , איהר זאָלט אַייך באַקליידען אָנשטענדיג

און

און שיקען נאָך אייער אסתר'לן. יעצט אָנקעל, ערצעהלט מיר וואס טהוט איהר אין ווילנא.

אהרן האט איהם ערצעהלט די גאַנצע מעשה אזוי ווי די לעזער וויסען שוין.

— אויף דעם רב פון לאדי — האט דער מיניסטער געזאָגט — וואונדער איך מיך גאָר ניט, ווייל איך קאָן איהם פון זיין פראָצעס וואס ער האט געהאַט אין פעטערבורג, איך בין געווען איינער פון זיינע שופטים, מיין מיינונג האט איהם אַ גרויסע טובה געטהאָן, ווייל אַללע וויסען דאס איך בין אַמאָהל געווען אַ יוד, און פאַרשטייט ריכטיג די יודישע רעליגיאָן, איך האב דענסטמאָהל באַלד פערשטאַנען אז ער איז אַ היילינגער מאַן, איך האַלט איהם פאַר דעם גראָסטען יודישען געלעהרטען אין זיין פאַך, און די מעשה וואס ער האט אייך געשיקט אין ווילנא אטווערזעט מיין אַלטען מיינונג וועגען איהם, דאַרום אייער פערלאַנג פון מיר דעם רשיון צו אָפענען אַ יודישען דרוק אין סלאַוויטע, גיב איך אייך שוין, איך קאָן אייך זיכער זאָגען ווען דער שאַפירא פון סלאַוויטא וואָלט געפאָהרען אין פעטערבורג, וואָלט ער אזוי שנעהל ניט בעקוממען דעם רשיון, דער רב האט איהם אַ גרויסע טובה געטהאָן, וואס ער האט איהם געשיקט אין ווילנא, איהר מעגט דאס איהם זאָגען, און איך בעט אייך דאס ווי לאַנג מיר וועלען זיין אין ווילנא, זאָלט איהר מיר יעדען טאָג בעזוכען, איך האב אייך זעהער גערנע, ווייל איך איינך אלע טאָג זעהען און ריידען מיט אייך.

דער מיניסטער האט איהם געגעבען דעם רשיון מיט די טויזענד רענדלעך, אהרן האט זיך מיט איהם געקושט, ער האט שוין געוואלט נעהמען אבשייד, האט דער מיניסטער געזאגט צו איהם: הערט אנקעל, איך פארשטיי דאס יעצט ווען איהר עפטערס פאהרען צום רב אין לאדי, אז איהר וועט איהם זעהען גערוסט איהם פון מיינט וועגען, פאר זיין עצה וואס ער האט מיר געגעבען צו זיטצען זוממער אין ווילנא, שיק איך איהם הונדערט רובל טאקע דורך אייך און איך וויל האבען פון איהם א קבלה אויף דאס געלד, ניט חלילה ווייל איך טרויא אייך ניט. ניין, נור איך וויל האבען זיין האנדשריפט צום אנדיינקען, איך רעכען דאס פאר א סגלה צו הצלחה.

ט.

אז אהרן איז געקוממען צום גביר ר' מאיר רפאל'ס, איז ר' מאיר און שאפירא איהם ענטגעגען געלאפען, זיי האבען שוין געוואלט וויסען די גרויסע נייעס וואס ער האט געבראכט.

אהרן האט זייא דערצעהלט די נסים וואס מיט איהם האט געטראפען, ער האט זיי געוויזען די טויזענד רענדלעך, און דעם סלאוויטער האט ער געגעבען דעם רשיון צו אפענען דעם דרוק.

דער סלאוויטער האט געוואלט געבען דעם מלמד עטליכע רובל, אבער ער האט ניט גענומען.

מיין

— מײַן נעצאָהלט פון אײַך וועט זײַן — האט אהרן גע־זאָגט — איהר זאָלט מיר טהאָן די טובה: פאָהרען מיט מיר צום רב אויף מײַנע הוצאות, דאס ערשטע אַזוי ווי איך בין דורך איהם גליקליך געוואָרען, וויל איך איהם דאַנקען פאַר זײַן עצה, צווייטענס וויל איך איהם מחילה בעטען פאַר וואס איך האב ביז הײַנט אין איהם ניט נעגלויבט. דריטענס: איך וויל איהם געבען מעשר פון מײַנע געלד. פיערטענס — דאס וועט איהר וויסען אין לאַדי, דאָ וועל איך אײַך דאס ניט זאָגען.

ר' מאיר האט מסכים געווען דערצו אז דער סלאָוויטער זאָל מיט איהם פאָהרען אין לאַדי, זיי האבען זיך מיט ר' מאיר'ן פרײַנדליך געזעגענט און אוועקגעפאָהרען אין לאַדי צום רב.

דער רב האט זיי פרײַנדליך אויפגענוממען, דער מלמד האט נעגעבען מעשר פון זײַנע דרײַ טויזענד רובל אויף „מעמדות" און דעם הונדערטער פון מיניסטער האט ער דעם רב אָבגעגעבען און האט געזאָגט צום סלאָוויטער: אָט דאס איז די פערטע זאַך וואס אין ווילנא האב איך אײַך ניט געוואָלט זאָגען.

דער סלאָוויטער האט געאָפּענט דעם דרוק און ער האט מצליח נעווען און אהרן דער מלמד איז געוואָרען זעהער מקורב צום „האדמו"ר הזקן" ער פלעגט אַלע יאָהר ברענגען מעשר פון די געלד וואס דער מיניסטער פלעגט איהם שיקען, ער איז גיזעסין יומם ולילה על התורה והעבודה און מיט דער צײַט איז ער רײַך גיוואָרין.

דער רב האט אמאָל נעזאָגט דאס דער מיניסטער איז מוכן ומזומן לחיי עוה"ב!

רשימה פון קליינע מעשיות עברי טייטש.

1) מקח טעות
2) אונגעריכטער גליק
3) אונגליקליכע אסתר
4) אברהם'עלע בע"ג
5) אכדאיע זאך
6) בעלאהנונג
7) באמקע פייפער
8) גלאמפישקער פרעזידענט
9) לעבעדיגע מצבה
10) שרעקליכער חלום
11) ריכארד צווישען שפאנישע מערדער
12) קינד אין קארן
13) נרושה
14) אטויטער בעוה"ז
15) בערציק דער יתום
16) חצקיל די באבעס זאהן
17) מאטקע פליך
18) מחותנים פון שונאים
19) מיאוסער טעות
20) דער ממזר
21) פארלארענער בריף
22) רייכע לאנד
23) ט"ו כסליו
24) יאיצאקורי אוצאט
25) נייעס פון יענער וועלט
26) ליבע נאכען טויט
27) די בעטראגענע ליעבע
28) אניפערליכע טריט
29) דער חתן אלס דאקטאר
30) געלד אונד ליבע
31) די בלאנדע אונד די שווארצע
32) דער יודישער גבור
33) די שטאלצע קרלענדערין
34) דער שמיד אלס דאקטאר
35) דער ממזר אלס דאקטאר
36) דער זינדיגער
37) אייזיקיל לץ
38) חייקע דיא שוועבעלע
39) איין פערלארענעם לעבען
40) דאסחנוכהליכטיל
41) דער גרינער אונד דער דוענטלמאנן
42) איין זאהן פון איין בעזדיעטניק
43) א מעשה פון ארב מיט ארעבעצן
44) קורץ און שארף אנעקראצען בוך
45) צווישען רעליגיאן אונד ליעבע

יעצט האבען מיר צוגעגעבען 13 נייע געשיכטעס

48) דער ישיבה בחור.
49) דער הייליגער ברית.
50) דער ווייטער קוק פון אלטען רב.
51) דער מהר"ל פון פראגע מיט זיין לוימענעם גולם.
52) דער פאלשער נס.
53) די פארמאסקירטע גרעפין.
54) די פאלשע כלה.
55) דעם קעניגם גע-ליבטע.
56) דער רויטער אידיל.
57) זיבען וואונדער פון בעש"ט און פון זיינע תלמידים.
58) לעבעדיגערהייד אין הימעל אדער א מעשה אן אסוף.
59) קאפריזנע אלטע מויד.
60) ר' שניאור זלמן האדמו"ר הזקן פון לאדי.